# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת שמיני תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 426



בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר ג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק
פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### 'עשה למען שמך... למען יחלצון ידידיך'

"וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל אַהֲרֹן הוּא אֲשֶׁר דִּבֶּר ה' לֵאמֹר בִּקְרֹבַי אֶקָּדֵשׁ וְעַל פְּנֵי כָל הָעָם אֶכָּבֵד וַיִּדֹּם אַהֲרֹן" (י ג)

רש"י טייטש (ע"פ זבחים קטו ב) אז ווען הקדוש ברוך הוא איז מעניש די צדיקים, פאלט א פחד אויף די מענטשן, און דורך דעם ווערט ער דערהויבן און געלויבט, ווייל די מענטשן זאגן אויב מיט די צדיקים פירט זיך אזוי הקב"ה, איז דאך אוודאי מיט די רשעים.

רבי אברהם יצחק שיין ר"מ אין ישיבת 'תפארת ירושלים' ערקלערט מיט דעם פארוואס ביי די תפילה 'אלוקי נצור' נאכן בעטן: "עשה למען קדושתך", לייגן מיר צו דעם פסוק (תהילים ס ז): "למען יחלצון ידידיך..." - ווייל מיר בעטן אז זיין הייליגע נאמען זאל געהייליגט ווערן דורך דעם וואס זיינע גוטע פריינד די צדיקים וועלן געשטארקט ווערן, און נישט חלילה דורך זיי שטראפן.

'ברכת איש'

### הקב"ה נעמט אן די תפילה בשלמות

"וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה אֶל אַהֲרֹן וְאֶל אֶלְעָזָר וְאֶל אִיתָמָר בָּנָיו הַנּוֹתָרִים קְחוּ אֶת הַמִּנְחָה הַנּוֹתֶרֶת מֵאִשֵּׁי ה' וְאִכְלוּהָ מַצּוֹת אֵצֶל הַמִּזְבֵּחַ כִּי קֹדֶשׁ קָדָשִׁים הִוא" (י יב)

רש"י ערקלערט (ע"פ פסיקתא רבתי פרק מח) אז ווייל די תורה רופט אן אלעזר און איתמר "הנותרים" קען מען זיך לערנען אז אין אנהויב איז נגזר געווארן די גזרה אויף אלע פיר זון פון אהרן, נאר די תפילה פון משה האט מבטל געווען די גזרה און 'עשתה מחצה' און גורם געווען אז צוויי פון זיי זענען געבליבן לעבן.

רבי משה אויסטרא'ער פון די קלויז אין בראד זאגט אז די כלל פון 'תפילה עושה מחצה' איז נאר געזאגט געווארן ביי א תפילה וואס די מלאכים וואס זענען ממונה אויף דעם טראגן עס ארויף, ווייל זיי קוקן נאך יעדע תפילה צי עס גוט אדער נישט, וועגן דעם ווערט די תפילה פארקלענערט. אבער ווען הקדוש ברוך הוא אליין נעמט אן די תפילה, דעמאלטס נעמט ער אן די תפילה בשלימות. און דאס האט דוד געבעטן (תהלים נה ב-ג): "הַאֲזִינָה אֱלֹקִים תְּפִלָּתִי וְאַל תִּתְעַלַּם מִתְּחִנָּתִי" - נאר נעם עס אן אינגאנצן, ווייל "הַקְשִׁיבָה לִּי וַעֲנֵנִי" - דו אליין.

'דרש משה' תהלים נה ג

### 'מודה על האמת' וועגן 'לעולם'

"וַיִּשְׁמַע מֹשֶׁה וַיִּיטַב בְּעֵינָיו" (י כ)

די חכמים זאגן (ב"ר יג ח) ווען משה האט געהערט די ווערטער פון אהרן "הוציא כרוז לכל המחנה ואמר: 'אני טעיתי את ההלכה ואהרן אחי בא ולמד לי'"

דער מונקאטשער רב בעל **'מנחת אלעזר'** זאגט:

די מדה פון 'מודה על האמת' איז זייער וויכטיג ווען א מענטש וויל באאיינפלוסן א צווייטן; ווען מען באמערקט אז דער מענטש שטייט נישט פעסט אויף זיין מיינונג, נאר ער איז גרייט אננעמען די ווערטער פון אנדערע און מודה זיין אויף זיין טעות, לערנען זיי אפ אז ער איז אן ערליכער מענטש און זוכט דעם אמת, און דורך דעם ווערט אנגענומען זיין מיינונג אויף זייערע הערצער און האט אן השפעה אויף זיי לטובה.

די פאקט איז מרומז אין די תפילה וואס ווערט געזאגט יעדן אינדערפרי: "לעולם" - צוליב די 'תיקון העולם', "יהא אדם ירא שמים בסתר ובגלוי" - אויך בגלוי זאל ער זיך פירן מיט יראת שמים כדי די מענטשן זאלן זיך לערנען פון אים זיך צו פירן ביראה, אבער בתנאי ער זאל זיין "ומודה על האמת", ווייל אויב נישט וועלן אלע מזלזל זיין אין אים און וועט אינגאנצן נישט האבן קיין השפעה אויף זיי.

'דברי תורה' ח"ה אות נו

## פתחו שערים

די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### איין און ניינציג פסוקים

די סימן אויף די צאל פון פסוקים אין די פרשה וואס הונדערטער יארן פירט מען זיך עס דרוקן אין ענדע פון יעדע פרשה, האט א טיפע און באזונדערע באדייט. עטליכע ספרים זענען אויך נתחבר געווארן צו ערקלערן די טיפקייט וואס ליגט באהאלטן אין די סימנים.

עס איז דא איין פרשה אין תורה וואס די צאל פון אירע פסוקים זענען איין און ניינציג, אזוי ווי די גימטריה פון 'אמן', דאס איז די וואכעדיגע פרשה, פרשת שמיני.

די פרשה איז פארבינדן מיט ענטפערן אמן אויך פון דעם וואס די פרשה ענדיגט זיך מיט די טעמע פון די כשרות המאכלים, און די קדמונים שרייבן דאך אז 'מאכל' איז גימטריה 'אמן', דיך צו לערנען אז דער תיקון פון דער מאכל ווערט פארענדיגט דורך ענטפערן 'אמן' אויף זיין ברכה.

אויך דער סימן וואס די בעלי המסורה האבן אנגעצייכנט די צאל פון די פסוקים פון אונזער פרשה - 'עבדי-ה' - איז פארבינדן מיט ענטפערן אמן, ווייל דער וואס איז מקפיד אויף ענטפערן אמן איז ראוי צו דעם טיטול 'עבד י-ה'.

איך וועל ענק דערציילן די ספעציעלע סיבה וואס האט מיך מקשר געווען צו די צאל פון די פסוקים פון די פרשה. קיינמאל האט מיך נישט אינטערעסירט די צאל פון די פסוקים פון די פרשיות, נאר פאר עטליכע יאר, נאך אסאך יארן וואס איך האב געוואלט זוכה זיין ענדיגן ליינען 'שנים מקרא ואחד תרגום' שון פרייטאג בעפאער דער שבת קומט אריין (אזוי ווי דער מג"א פסק'נט אין סי' רפה ה), האב איך מצליח געווען דאס ערשטע מאל אין ערב שבת פרשת שמיני. זייענדיג ארומגענומען מיט א שמחה של מצוה ביים ליינען דעם לעצטן פסוק פון די פרשה, הארט צו כניסת השבת, האט איך זיך מתבונן אין די צאל פון די פסוקים וואס שטייט דארט דערנעבן, בין איך איבערראשט געווארן צו זען וואס דאס איז פארבינדן מיט א ענין וואס איז צוגעבינדן צו מיין הארץ, דער ענין פון אמן. פון דעם האב איך זיך ארויסגעלערנט אז די התחזקות אין אמן דערהייבט דעם מענטש און אים מזכה צו שטייגן אין תורה און מצוות.

**מיט א רוף "ונרוממה שמו יחדיו"**

**א גוט שבת**

יעקב דוד מארמארשטיין

# תפילת צדיק עושה מחצה

ענדע זומער אין יאר תרפ"א. די וואס גייען נעבן די טייך וואס איז אויפן ברעג פונעם טוריסט-דארף וואס געפינט זיך צופיסנס פון דער שטאט האמבורג, האבן קוים געקענט אראפנעמען זייערע אויגן פון די שיינע האריזאנט און פארזעצן זייער וועג.

בלויז איינער פון די אדורכגייער, רבי בנימין זאב יעקבזאהן האט שפאצירט אויף די לענג פון די טייך ווען זיינע אויגן זענען אראפגעלאזט, ער האט נישט אפגעלאזט זיין גמרא און געקומען אהער צו געניסן פון דער פלאץ, ער איז אהער געקומען ווען טיפע דאגות פילן אן זיין הארץ, דערנאך וואס עס איז שוין אריבער עטליכע יאר פון זיין חתונה און האט נאכנישט זוכה געווען צו קינדער.

רבי בנימין זאב יעקבזאהן, וועלכער האט שפעטער געדינט אלס אב"ד אין קאפענהאגן, האט אין יענע יארן געוואוינט אין זיין געבורט שטאט האמבורג, ער איז אהער אנגעקומען צוליב א שמועה וואס איז גע'גנב'עט געווארן צו זיינע אויערן פון א נאנטן חבר, אז דער הייליגער רבי,



די שטאט האמבורג אין דייטשלאנד

רבי ישראל פון טשארטקוב, וועט קומען אין זייער שטאט פאר עטליכע טעג זיך אפרוען. ר' בנימין זאב האט באשלאסן אויסצונוצן די געלעגנהייט צו באקומען א ברכה פון דעם רבי'ן וואס זיין נאמען איז איבעראל באקאנט געווען אלס בעל מופת, און אסאך מענטשן זענען שוין געהאלפן געווארן מיט קינדער צוליב זיינע ברכות.

נאך א לאנגע רייזע מיט די באן האט ער זיך געטראפן שטיין אויפן שוועל פון טיר ביים הייליגן רבי'ן, אבער אין די לעצטע מינוט, פארן קלאפן אין טיר, האט אים מיטאמאל אנגעכאפט א ציטער. אלס א אשכנז'ישער אפשטאמיגער וואס האט בכלל נישט געקענט די עולם החסידות, האט ער נישט געוויסט וויאזוי זיך צו ווענדן צו א רבי, און אין הארץ האט ער אפילו מורא געהאט פון די ענטפער וואס ער וועט באקומען.

דעריבער האט ער באשלאסן פארן אריינגיין צו מאכן א קורצן שפאציר, און ערשט נאכן מסדר זיין זיינע מחשבות, האט ער זיך אנגעגארלט מיט מוט, און האט געקלאפט אויפן טיר.

די טיר האט זיך געעפנט און דער רבי' האט אים פריינדליך אויפגענומען, אים אוועקגעזעצט ביים טיש און באפוילן ברענגען לייכטע אנבייס, און דערנאך געווארט מיט א ליכטיגן פנים ער זאל זאגן וואס ער וויל. מיט קורצע ווערטער האט רבי בנימין זאב געשילדערט זיין צרה, און ווען ער האט פארענדיגט האט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן אויפן רבי'ן, וועלכער איז געזעסן אויפן מלכות'דיגן בענקל פארזינקען אין זיינע געדאנקען.

נאך עטליכע מינוט פון ווארטן האט דער רבי' מיטאמאל א שאקל געטון מיטן קאפ און געפרעגט איידלערהייט: "און וואס איז דיין בקשה?".

"צוועלף קינדער אזוי ווי שבטי י-ה" - האט רבי בנימין זאב געענטפערט אן קווענקלען.

"אויב דאס איז דער רצון הקדוש ברוך הוא, וועט ער אוודאי ערפילן דיין געבעט" - האט דער רבי' געזאגט, אבער רבי בנימין זאב האט נישט אויפגעגעבן: "איך ווייס אז אויב השי"ת וויל וועט ער קענען ערפילן מיין בקשה, אבער איך בין אהער געקומען ווייל איך בעט דעם רבי'ן זאל מיר צוזאגן אז עס וועט זיין אזוי!". אבער דער רבי' האט גארנישט צוגעלייגט, נאר איבערגע'חזר'ט זיינע ווערטער און געזאגט: "אויב דאס איז רצון ה', וועסטו האבן".

ר' בנימין זאב האט געוואלט איבערזאגן זיין בקשה צום דריטן מאל, אבער דער גבאי וואס איז געשטאנען אין זייט האט אים אפגעשטעלט זאגנדיג: "דער רבי' האט שוין איינמאל און צוויי מאל איבערגעהערט דיינע ווערטער, און וואס דארפסטו בעטן מער?!".

ארום א יאר שפעטער האבן ר' בנימין זאב מיט זיין ווייב געבוירן זייער ערשטן זון, און אין די ווייטערדיגע יארן האבן זיי געהאט נאך פינף זין.

אין די יארן וואס זענען אריבער נאך יענעם באזוך, איז רבי בנימין זאב געוואקסן און געשטיגן אין תורה ויראת שמים, און אין זעלבן צייט געווארן א עסקן און א גרויסער אקטיוויסט אין דער אגודת ישראל באוועגונג, וואס איז דעמאלטס שטארק צושפרייט געווארן אין אייראפע ווי א באוועגונג וואס פאראייניגט אלע אידישע קהילות און געארבעט שווער פאר זייער הצלחה. ר' בנימין זאב האט אויך געפירט די 'קרן התורה' וואס איז געגרינדעט געווארן אין נאמען פון אגודת ישראל.

אין יענע יארן האט זיך געשאפן א באזונדערע פארבינדונג צווישן רבי בנימין זאב יעקבזאהן און רבי דוב בער פרידמאן, דער זון פון האדמו"ר רבי ישראל פון טשארטקוב און איידעם פונעם 'פחד יצחק' פון באיאן. רבי דוב בער וואס מען האט אים גערופן מיט ליבשאפט 'רבי בערני'ו', אויסער זיין גרויסקייט אין רוחניות, ער האט אויך שווער געארבעט צו פארמערן די פעולות פאר תורה און טהרה אין דעם ראם פון 'אגודת ישראל', און פארשטייט זיך אז די צוויי פלעגן זיך אפט טרעפן און רעדן איינער מיטן אַנדערן.

פון צייט צו צייט פלעגט רבי בערני'ו זיך וואונדערן אין די אויערן פון רבי בנימין זאב: "איז דען נישט מיין טאטע שליט"א איינער פון די נשיאים פון דער אגודת ישראל באוועגונג אין וואס איר טוט אזויפיל, פארוואס קומסטו נישט באזוכן מיין טאטן?", אבער רבי בנימין זאב האט זיך ארויסגעדרייט ווען ער ענטפערט אז ער וועט נישט גיין באזוכן אזוי לאנג וואס ער האט נישט קיין קלארן תכלית, ווייל אין פרינציפ היט ער זיך נישט צו מטריח זיין קיין שום גדול בישראל אן א קלארן ציל, און אוודאי ווען עס רעדט זיך פון דעם עלטסטן רבי פון דור, רבי ישראל פון טשארטקוב.

דאס וואלט געקענט ווייטער אזוי גיין, ווען נישט אין איינע פון זייערע באגעגענישן איז רבי בערני'ו צוגעגאנגען צו רבי בנימין זאב און געזאגט, אז ביי זיין לעצטן באזוך ביי זיין פאטער האט דער רבי' אים באפוילן פרובירן ברענגען זיין חבר הרב יעקבזאהן. רבי בנימין זאב האט נישט געקענט אפזאגן אזא פערזענליכע בקשה, און טאקע מיט עטליכע טעג שפעטער זענען די צוויי צוזאמען געפארן צום הויף פונעם רבי'ן פון טשארטקוב.

באלד ווען רבי בנימין זאב איז אריין אין צימער, נאך אסאך יארן וואס ער האט נישט געזען דעם רבי'ן פנים אל פנים, האט דער רבי' תיכף געפרעגט: "נו...?".

ר' בנימין זאב איז נישט איבערראשט געווארן פון די פראגע, ער האט זיך באלד דערמאנט אין די בקשה וואס ער האט געבעטן פון רבי'ן ביי יענע אומפארגעסליכן אסיפה - "צוועלעף קינדער אזוי ווי די שבטי י-ה", און ער האט גלייך געענטפערט: "זעקס זון, חסדי ה'...".

"טאקע," האט דער רבי' געענטפערט, "פונקט אזוי ווי איך האב אין אנהויב געטראכט, 'תפילה עושה מחצה'", און האט באלד באפוילן: "בערני'ו, ברענג אריין לעקעך און בראנפן...".

'אשא דעי' למרחוק' עמ' קפה

# ברכו אמוני

א דערהויבענער בליק אויף די סדר הברכות

## די ברכה 'תקע בשופר'

### די מקור פון די ברכה

נאך וואס מיר האבן געבעטן אויף פרנסה ביי די ברכה פון 'ברך עלינו' טון מיר פארזעצן צו בעטן אויף קיבוץ גלויות וואס וועט זיין ביי די גאולה. די חכמים האבן אוועקגעשטעלט די בקשה נאך 'מברך השנים' לויט וואס מיר טרעפן אין פסוק (יחזקאל לו ח): "ואתם הרי ישראל ענפכם תתנו ופריכם תשאו לעמי ישראל כי קרבו לבוא". פון דער פסוק זעט אויס אז די קיבוץ גלויות וועט זיין אין א צייט וואס די יאר ווערט געבענטש, וועגן דעם נאך וואס מיר האבן געבעטן אויף א גוטע יאר דארף מען בעטן אויף קיבוץ גלויות (מגילה יז ב).

רבי שלמה קלוגער לייגט צו און ערקלערט, דאס עצם שיקן א ברכה אין די תבואה פון די ארץ ישראל'דיגע פעלדער ערוועקט א לימוד זכות אויף די אידן זיי זאלן זיך צוריק קערן צו איר צו קענען עסן פון אירע פרוכט, ווייל זיי זענען די מערסטע ראוי פון אלע פעלקער צו הנאה האבן פון אירע פרוכט. דעריבער באלד דערנאך וואס מיר האבן געבעטן אויף די לאנד, בעטן מיר אויף קיבוץ גלויות ('חכמת התורה' בהר עמ' קסח).

### די געבוי פון די ברכה

אין די ברכה בעטן מיר אויף קיבוץ גלויות מיט דריי אופנים פון בקשה: "תקע בשופר גדול לחרותנו, ושא נס לקבץ גליותנו, וקבצנו יחד מארבע כנפות הארץ". רבי אברהם בן הגר"א טייטש אז ביי גלות סנחריב איז כלל ישראל צוטיילט געווארן אויף דריי חלקים: די עשרת השבטים זענען צוטיילט געווארן - א טייל פון זיי זענען פארטריבן געווארן אונטער די הרי החושך, און א טייל פון זיי אין די אנדערע זייט פון די טייך סמבטיון, דאקעגן שבט יהודה און בנימין זענען צושפרייט געווארן אין אלע עקן פון דער וועלט.

אקעגן די וואס זענען געגאנגען אין גלות אונטער די הרי החושך, זאגן מיר "תקע בשופר גדול לחרותנו", אקעגן די וואס זענען געגאנגען אין די אנדערע זייט טייך סמבטיון, זאגן מיר "שא נס לקבץ גליותנו", און אויף די וואס זענען פארטריבן געווארן אין אלע עקן פון דער וועלט זאגן מיר "וקבצנו יחד מארבע כנפות הארץ" (פירוש 'אבני אליהו' בסידור 'אשי ישראל').

### די באדייט פון די ברכה

אין די ברכה בעטן מיר אז ווי שנעלער זאל זיין די צייט וואס עס ווערט געהערט ווערן דער קול שופר וואס וועט מבשר זיין אונזער באפרייאונג פון שעבוד מלכויות, און אויף קיבוץ נדחי ישראל פון די לענדער וואו זיי זענען צושפרייט.

עס זענען דא וואס האלטן אז דער נוסח הברכה וואס מיר האבן האט מען מתקן געווען נאר נאכן חורבן, אבער בזמן הבית האט מען נישט געבעטן ביי די ברכה אויף קיבוץ גלויות, נאר אז די בית המקדש זאל נישט חרוב ווערן און די אידן זאלן נישט פארטריבן ווערן פון זייער לאנד (תשב"ץ ח"ב סי' קסא; תשובת מהר"ם חביב, הודפסה מכת"י ב'ישורון' קובץ יד עמ' עט). אבער עס איז דא וואס קריגט און האלט אז אויך בזמן הבית האט מען געזאגט דעם נוסח, ווייל רוב צייט פון בית שני האבן די גויים זיך געשטארקט אויף די אידן, און א גרויסע צאל פון כלל ישראל זענען געווען אין פרעמדע לענדער (השגת רבי יעקב חגיז על תשובת מהר"ם חביב, הובא ב'ישורון' שם עמ' פא).

אין די זעקס פריעדיגע ברכות האבן מיר געבעטן אויף די פריוואטע באדערפענישן וואס מיר דארפן זייענדיג אין גלות: דעת, תשובה און סליחה, גאולה פון די צרות וואס טרעפן אונז אן, רפואה און פרנסה. אין די קומענדיגע ברכות בעטן מיר אויף די פארשידענע שטאפלען פון די גאולה העתידה ('עיון תפילה' בסידור אוצר התפילות).

### 'שופר גדול' – וועגן וואס?

ווייל די 'קיבוץ גלויות' וועט זיין דורך בלאזן מיט א גרויסן שופר, אזוי ווי עס שטייט (ישעיהו כז יג): "והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול ובאו האובדים מארץ אשור והנדחים מארץ מצרים והשתחוו לה' בהר הקדש בירושלים", דעריבער הייבן מיר אן די ברכה מיט די בקשה "תקע בשופר גדול לחרותנו" (טור או"ח קיז).

די חכמים זאגן אז דער שופר וואס וועט מבשר זיין די קיבוץ נדחי ישראל ווערט אנגערופן 'שופר גדול' ווייל עס איז די רעכטע הארן פון די איל וואס אברהם האט מקריב געווען פאר א עולה אנשטאט זיין זון יצחק, און די רעכטע הארן איז שטענדיג גרעסער פון די לינקע (פרקי דרבי אליעזר לא).

רבי צדוק הכהן מלובלין שרייבט אז דער קול פון דער שופר גדול וואס וועט געהערט ווערן אין די צייט פון די גאולה וועט קומען פון די געשרייען ביים דאווענען אין לויף פון אלע דורות. ווען עס וועט אנקומען די צייט פון די גאולה וועלן זיך צוזאמשטעלן די אלע געשרייען צו א שופר גדול וואס וועט מעורר זיין יעדע נפש פון כלל ישראל, און אויך די וואס זענען ווייט און פארשטויסן וועלן קומען זיך ביקן צו השי"ת אין הר ה' אין ירושלים ('רסיסי לילה' אות נ).

### די כוונה פון אמן

עס איז ריכטיג אז דו וועסט צוזאמנעמען די פארוואָרפענע אידן, און הלוואי וואלטן מיר שנעלער זוכה געווען צו דעם.

# אוצר הברכות

## מאה ברכות אין די פרשה

"וַיָּבֹא מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן אֶל אֹהֶל מוֹעֵד וַיֵּצְאוּ וַיְבָרְכוּ אֶת הָעָם וַיֵּרָא כְבוֹד ה' אֶל כָּל הָעָם" (ט כג)

אין מסכת תענית (טז ב) ווערט געברענגט אז אין בית המקדש האט מען נישט געענטפערט 'אמן' אויף די ברכות "ברוך שם כבוד מלכותו...", און מען דארף פארשטיין דער טעם פון דעם.

ערקלערט רבי חיים מפרידבורג, דער ברודער פון מהר"ל מפראג:

ווען דער בית המקדש איז געשטאנען על מכונו, ווען השי"ת'ס כבוד איז געווען פאר אלעמען אנטפלעקט דורך די ניסים וואס זענען דארט געווען, דער וואס האט געענטפערט האט זיך מצרף געווען צום מברך וואס שרייט אויס די 'מלכות ה'', מיט זאגן "ברוך שם כבוד מלכותו...", ווייל אלע האבן געזען בחוש דעם "כבוד מלכותו". אבער אין גלות, ווען השי"ת'ס כבוד איז באהאלטן, דער מברך איז ממליך דעם באשעפער, און דער עונה 'אמן' איז מסכים מיט אים, מיט אמונה אז זיין כבוד וועט ווי שנעלער אנטפלעקט ווערן.

**רבי חיים חייקא מאמדור** א תלמיד פון מעזריטשער מגיד ברענגט א רמז אויף דער ענדערנג צו ענטפערן 'אמן':

'אמן' איז גימטריה צ"א, א רמז אויף דעם אז פון ווען די שכינה איז ארויס פון בית המקדש, נאכן חורבן, דארף מען ענטפערן 'אמן' נאך די ברכות.

'אגרת הטיול' חלק הדרש אות ב; 'חיים וחסד' עמ' כא

### אין בית המקדש האט מען נישט געענטפערט 'אמן'

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

# מאוצרות אמונים

## ענטפערן אמן נאך ברכות השחר

א פריערדיגער מנהג איז איינגעפירט ביי כלל ישראל צו זאגן ברכות השחר איינער פארן צווייטן, כדי איינער זאל מזכה זיין דעם צווייטן מיט ענטפערן אמן, און מיט דעם משלים זיין דעם חוב פון ענטפערן ניינציג אמן'ס יעדן טאג. דא האבן מיר צוזאם גענומען גוטע ווערטער, געקליבענע פערל און הנהגות אין דער ענין.

### מנהג אבותינו בידינו

וויבאלד עס איז פאסיג פאר יעדן צו ענטפערן יעדן טאג לכל הפחות ניינציג אמנים אויף ברכות (אויסער די אמנים וואס מען ענטפערט אויף די קדישים), דעריבער פירן זיך אסאך צו זאגן ברכות השחר אין שול צוזאמען מיט אנדערע, אויף דעם אופן וואס איינער זאגט הויעך די ברכות און זיינע חברים ענטפערן אמן אויף זיינע ברכות, און נאכדעם שטעלט זיך אויף איינער פון די וואס האבן געענטפערט און זאגט ברכות און זיינע חברים ענטפערן אמן, און אויף דעם וועג די גאנצע גרופע, און אזוי זענען זיי זוכה צו משלים די צאל פון די ניינציג אמנים ('שלחן ערוך' או"ח ו ד; 'מגן אברהם' שם ט; 'משנה ברורה' שם יג).

### ניינציג אמנים פארן דאווענען

נאך א טעם צו ענטפערן אמן נאך די ברכות השחר דווקא, ווערט געברענגט אין הגהות 'בני אבא' אויפן ספר 'פתורא דאבא' (ענין ברכות השחר אות ו) געבויט אויף די הייליגע ווערטער פון אדמו"ר רבי צבי הירש פון זידיטשויב, אז די ניינציג אמנים דארף מען ענטפערן נאך בעפאר שמונה עשרה פון שחרית. די איינציגע מעגליכקייט אנקומען צו די צאל נאך פארן דאווענען שחרית איז דורך הערן ברכות השחר פון עטליכע מענטשן פארן דאווענען.

אין הגהות 'בני אבא' דרינגט ער זיך אויף פון זוהר (תיקוני ז"ח שם) אז דער וואס האט נישט געקענט ענטפערן ניינציג אמנים, זאל אינזין האבן ביי די פופצן ווי"ן וואס זענען אין אנהויב פון די ווערטער אין די תפילה "ויציב ונכון..." וואס צוזאמען מיטן אות א' פון די ווארט 'אמת' וואס שטייט פריער איז עס גימטריה איין און ניינציג אזוי ווי די גימטריה פון 'אמן', און ווייל די תפילה ווערט געזאגט בעפאר שמונה עשרה, קען מען פון דעם זיך אפלערנען אז מען דארף משלים זיין די צאל פון ניינציג אמנים בעפאר תפילת שחרית.

# אגרות אמונים

## א בריוו פון א געטרייער ליינער

לכבוד 'בני אמונים'

אלס איינער וואס דינט אלס א מלמד אין הויכע כתה אין תלמוד תורה אין די דרום געגנט, און האט זייער הנאה פון אייערע גליונות, וויל איך צום ערשט זיך באדאנקען אויף די וואונדערליכע גליונות וואס קומען ארויס יעדע וואך אן קיין אפהאלט. ענקער גליון איז געבענטש מיט דעם וואס אין יעדע ווארט וואס איז געשריבן אין דעם דערקענט זיך די געוואלדיגע השקעה און ארבעט, אזוי אויך זיין עלעגאנטער אויסשטעל.

איך פערזענליך בין שוין עטליכע יאר זייער צוגעבינדן צו די ענין פון מקפיד זיין אויף ענטפערן אמן און בפרט אויף ברכות השחר - און דאס איז זיכער צוליב ענקער זכות!

פארשטייט זיך, אז אין ראם פון מיין עבודת הקודש זע איך א הייליגע פליכט און א גרויסע זכות אריינפרעגלען דעם ענין אין מיינע תלמידים און ענקער מאטעריאל וואס ענק שטעלן צו יעדע וואך אין דעם וואונדערליכן גליון, העלפט זיכער צו דערגרייכן דעם ציל.

אונזערע תלמידים זענען שוין צוגעוואוינט זיך צוטיילן אויף חברותות אדער אויף גרופעס און אזוי זאגן די ברכות השחר.

איך וויל ספעציעל משבח זיין דעם וועכנטליכן מוסר ווינקל פון דעם גרינדער פון בני אמונים הרב מארמארשטיין, וועלכער איז שטענדיג מצליח אנרירן די ריכטיגע נקודה. אויסער די וואונדערליכע דברי חיזוק והתעוררות וואס איך ברענגען אין דעם גליון, רירט אן הרב מרמארשטיין די פראקטישע פונקטן און עס זעט זיך קלאר אן אז זיין פארבינדונג צו דעם נושא איז זייער גרונטליך, און ער איז אינגאנצן פארבינדן מיט די אלע וואונדערליכע אקטיוויטעטן וואס קומען פון זיין בית המדרש, און זיינע ווערטער וואס זענען 'יוצאים מן הלב זענען טאקע נכנסים אל הלב.

וואו עס וואונטש און דאנקט

ח. נוימאן - ירושלים

מען קען שיקן בריוון צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס 9139191@gmail.com

# צדיק באמונתו

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



בעל 'ערוך השולחן' זצ"ל

### בעל 'ערוך השולחן'
### כ"ב אדר תרס"ח

דער גאון רבי יחיאל מיכל עפשטיין איז געבוירן געווארן אין דער שטאט באברויסק אין ווייס-רוסלאנד אין שבט תקפ"ט. שוין פון זיין יונגן עלטער האט ער זיך צוגעוואוינט צו לערנען אויף א וועג פון סיכומים, און אזוי האט ער מחבר געווען זיין ברייטן און בארימטן הלכה'דיגן ספר 'ערוך השולחן'. דער ספר איז געשריבן געווארן לויט די אויסשטעל פון די שולחן ערוך, און אירע סימנים, אבער מיט א גרויסע ברייטקייט, און מיט א צוגאב פון די פארשידענע דעות וואס זענען נתחדש געווארן ביז זיינע צייטן. אויסער דעם ספר האט ער אויך מחבר געווען דעם 'ערוך שולחן העתיד', אין וועלכן ער האט זיך אפגעגעבן מיט די הלכות וואס זענען נישט נוהג בזמן הזה.

אין יאר תרמ"ג איז ער פארבעטן געווארן צו דינען אלס רב אין שטאט נובהארדוק, אין דעם פאסטן האט ער געדינט ארום פיר און דרייסיג יאר. ער איז נפטר געווארן כ"ב אדר ב' תרס"ח, און איז באערדיגט געווארן אין די בית החיים פון נובהארדוק.

### א ליקוט פון זיינע פסקים אין זיין ספר 'ערוך השולחן', אויף די מעלה פון ענטפערן אמן:

- "ענטפערן אמן העלפט זייער אז זיין תפילה זאל אנגענומען ווערן" (או"ח קל א)
- "עס ליגט א חוב אויף יעדער וואס הערט א ברכה צו ענטפערן אמן, און דער וואס ענטפערט נישט אמן האט א גרויסע עבירה" (או"ח קכד יא)
- "אין ענטפערן אמן איז אנגעהאנגען די עיקר האמונה, און וועגן דעם זאל א מענטש אויסלערנען זיינע קליינע קינדער זיי זאלן ענטפערן אמן" (שם)
- "ווען ער הערט אז מען זאגט א מי שברך פאר איינעם איז פאסיג צו ענטפערן אמן און מיט דעם מקיים זיין די מצוה פון 'ואהבת לרעך כמוך'" (או"ח רטו א).